ראש השנה
שנת תשפ״ה
גליון א׳

# בהיכלא דמלכא

א טויער צום היכל
פונעם דרך החסידות

מתוך שיעוריו ושיחותיו של **האדמו״ר מקאסוב זצ״ל**

## כי חלק ה׳ עמו

### הקדמה צום לימוד ספרי החסידות

דער בעש״ט טרעט אויס א וועג ספעציעל פאר אונזער דור | **דער תורת הבעש״ט איז עמוק מאד** | קענען מיר דען פארשטיין דעם דרך הבעל שם? | **זענען נישט געווען מקובלים בעפארן בעש״ט?** | דער דרך הבעש״ט ווערט אסאך מער אויפגעכאפט | **די קשיא פונעם קצות אויפן בעש״ט** | וואס האט רשב״י מגלה געווען | רשב״י׳ס גילויים זענען העכער ווי אונזער שכל | **וואס האט דער אריז״ל מחדש געווען דערויף** | עמך אידן טרעפן זיך אינדרויסן פון בילד | **דער דרך הבעש״ט איז פאר יעדן איד׳ס מדריגה** | חסידות איז געקניפט און געבינדן אינעם דרך הקבלה | **אונזער שייכות מיט די עולמות העליונים** | דער גאנצער תורת הקבלה ליגט אין אונז

## פתיחה

נאך לאנגע חדשים פון הארעוואניע, טוען מיר ענדליך פאָרשטעלן **דעם נייעם גליון ״בהיכלא דמלכא״**, וועלכע וועט ארומרעדן און מסביר זיין **בטוב טעם ודעת באופן השווה לכל נפש** די ענינים און מושגים וואס ווערן געברענגט אין חסידישע ספרים, וועלכע איז באזירט אויף די וועכנטליכע שיעורים **׳הקדמה ללימוד ספרי חסידות׳** וועלכע זענען איבערגעגעבן געווארן דורך **כ״ק אדמו״ר מקאסוב זצוק״ל**.

דער רבי זצ״ל האט אין די לעצטע יארן פון זיין לעבן אריינגעלייגט גרויסע כוחות **איבערצוגעבן שיעורים פאר בחורים און יונגעלייט**, מיט׳ן ציל אריינצוגעבן א הסברה אין דעם וועלט פון חסידישע מושגים, אויף אן אופן **אז עס זאל זיין פארשטענדליך** פאר יעדן איינעם גלייך.

פארן רבי׳ן זצ״ל פלעגט שטארק באדערן אז ווען מען לערנט חסידישע ספרים איז עס **אפטמאל אן די ריכטיגע הבנה**, און די הויפט נקודות פון די חסידישע ספרים ווערן פארפאסט, און מען באגענוגט זיך נאר מיט **קורצע שורות פון התלהבות און התחזקות** וואס מען פארשטייט יא.

כאטש מען קען אפשר טראכטן אז פאר **אונזער פשוט׳ער דור איז דאס מער ווי גענוג**, און מען קען ממילא נישט פארשטיין חסידישע ספרים מיט די אמאליגע טיפקייט, האט דער קאסובער רבי געהאלטן אז **דאס איז נישט ריכטיג.**

דער קאסובער רבי זצ״ל האט געהאלטן

## א

# וואס איז ״תורת החסידות״ געקומען מחדש זיין?

### וויאזוי קענען מיר פשוט׳ע מענטשן פארשטיין דעם דרך הבעש״ט?

שטייענדיג ביים שוועל אריינצוגיין אינעם **לעכטיגן היכל פונעם אור שבעת הימים - דער הייליגער בעל שם טוב זי״ע**, איז וויכטיג אדורכצוטון אפאר וויכטיגע יסודות בנוגע דער דרך החסידות וואס איז געגרינדעט געווארן דורכ׳ן בעש״ט הקדוש, און ווערט נאכגעפאלגט דורך תלמידיו ותלמידי תלמידיו הקדושים במשך די לעצטע דריי הונדערט יאר; **דער דרך וואס באלייכט ביז׳ן היינטיגן טאג** וויאזוי צו

דינען דעם אויבערשטן, און **וויאזוי נענטער צו ווערן צום הייליגן באשעפער.**

עס איז איבריג צו זאגן אז פאר אונז פשוט'ע מענטשן איז **בכלל נישט מעגליך צו משיג זיין אפילו א משהו שבמשהו** פון דעם גרויסקייט און מורא'דיגע השגות פונעם הייליגן בעל שם הק'; **זיין גדלות און זיין עבודה** איז ממש אוממעגליך פאר אונז צו פארשטיין, וויבאלד עס איז אסאך העכער און טיפער פון וואס אונזער באגרעניצטע שכל קען בכלל משיג צו זיין, און **וויפיל מיר זאלן נאר פרובירן וועלן מיר קיינמאל נישט אנקומען צו פארשטיין** זיינע מדריגות און השגות.

אזוי אויך קען אונזער שכל נישט אנהייבן משיג צו זיין די **טיפע און הייליגע ענינים** וואס ווערן מבואר אין די תורות פונעם הייליגן בעש"ט; און אפילו אין זיינע ווערטער וואס זענען אויס פון אויבנאויף ווי פשוטע זאכן - האבן מיר **אויך נישט די מינדעסטע השגה.** עס ווערט געברענגט אין די ספרים הקדושים אז **אלע דיבורים וואס זענען ארויס מפה קדשו זענען פול מיט עמקות און הייליגע מושגים.**

אויב אזוי פרעגט זיך די שאלה: **וואס האט דאס מיט אונז?** לב יודע מרת נפשו, מיר ווייסן דאך גאנץ גוט ווי ווייט מיר זענען פון אט די הויכע מדריגות, איז ווי אזוי דערוואגן מיר זיך ארויפצוכאפן אויפ'ן וואגן און זיך איינרעדן **אז מיר קענען בכלל פארשטיין תורת הבעל שם טוב?**

## דער הייליגער בעש"ט רעדט דווקא צו אונזער דור

נאר דער אמת איז, אז **כאטש דער אמת'ער טיפקייט פונעם תורת החסידות** איז טאקע גאר ווייט פון אונז, איז אבער דער בעש"ט געקומען מגלה זיין א דרך אין עבודת ה' **פאר יעדן פון אונז בלי יוצא מן הכלל** - נישט קיין חילוק וואו ער האלט, און אין וועלכער מצב ער שטייט, און ווי קליין זיינע השגות זענען!

**נאכמער** ווערט **געברענגט**, אז דער אויבערשטער האט אראפגעשיקט די "מאורות הגדולים" - דער בעש"ט און זיינע הייליגע תלמידים ממשיכי דרכו - צו באלייכטן דעם וועג און צו עפענען א

> **דער בעש"ט און זיינע תלמידים האבן באלאכטן דעם וועג, און געעפנט א טויער פאר יעדן איד וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן, און טאקע ספעציעל פאר'ן לעצטן דור איידער משיח וועט קומען!**

טויער פאר יעדן איד וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן, **און טאקע ספעציעל פאר'ן לעצטן דור איידער משיח וועט קומען!**

דער **הייליגער מאור ושמש** שרייבט אין פרשת אמור (ד"ה במדרש רבה ד"א אמור אל הכהנים): "אין די תקופה פאר'ן בעש"ט הק' איז געווען א **גרויסע צומישעניש אויף דער וועלט**, און עס האט געפעלט א ליכטיגקייט אין עבודת ה', ביז עס זענען געקומען די צווייי מאורות הגדולים - **דער בעש"ט הקדוש מיט'ן רבי'ן ר' אלימלך** - און זיי האבן אויסגעטראטן א וועג, עפענענדיג א שער לה' **וויאזוי א איד דארף ריכטיג דינען דעם אויבערשטן.**"

נו אויב אזוי, פאר וועמען דען האבן זיי אויסגעטרעטן דעם וועג אויב נישט פאר אונז?

אויב דער תורת החסידות איז טאקע געצילט געווארן צו עפענען א וועג אין עבודת ה', **איז דאך פשוט אז מיר דארפן זיך מתבונן זיין** אין די הייליגע יסודות וואס דער בעש"ט הקדוש האט אוועק געשטעלט, און פרובירן אביסל צו פארשטיין - **ווי ווייט אונזער שכל קען משיג זיין** - וואס איז דאס דער "תורת החסידות" און וואס איז דער בעש"ט הקדוש געקומען אויפטון און מחדש זיין; און **דער עיקר - וואס איז דאס נוגע פאר אונז למעשה.**

מיר דארפן וויסן מיט א קלארקייט איידער מיר טרעטן איבער דעם שוועל פונעם דרך החסידות; אז דער הייליגער דרך איז נוגע פאר יעדן איינעם, און דעריבער האט יעדער א שייכות מיט דעם!

דערפאר דארף מען דאס **גוט אפלערנען**, און טרעפן וואו דאס איז נוגע פאר אונז. און אפילו מ'איז טאקע נישט משיג **די הויכע ענינים וואס זענען גאר גאר טיף**, דאך דארף מען כאטש פרובירן צו לערנען און פארשטיין ווי ווייט אונזער שכל איז יא מסוגל צו פארשטיין, ותן לחכם ויחכם עוד - **יעדער איינער לויט זיין השגה און מדריגה.**

## א קצות קשיא! מה נשתנה דרך הבעש"ט הק'?!

לאמיר געבן א בליק אריין אינעם **הייליגן היכל פון בעש"ט ותלמידיו**, און ארויפברענגען מיט א חרדת הקודש די וויכטיגע שאלה: **וואס איז געווען דער גרויסער "חידוש"** וואס דער הייליגער בעש"ט האט אראפגעברענגט אויף דער וועלט, וואס באלייכט אידישע קינדער ביז היינט? **ביז'ן בעל שם טוב זענען דאך אויך געווען חסידים ופרושים**, מקובלים און עובדי ה', צדיקים נסתרים און הייליגע אידן, וועלכע האבן געדינט דעם באשעפער טאג און נאכט. איז **וואס האט דער בעל שם הק' באזונדער מחדש געווען?**

ס'איז בכלל נישט קיין נייע שאלה, נאר **פריערדיגע גדולי ישראל האבן עס שוין געפרעגט.** עס ווערט געברענגט (בעש"ט על התורה הקדמה אות נז), אז דער הייליגער קצות זצ"ל האט געפרעגט פון הרה"ק ר' הערשעלע זידיטשויבער זי"ע: **וואס איז פשט אז דער דרך הבעש"ט איז אויפגעכאפט געווארן** אויף אזא ריזיגער פארנעם, און דער דרך האריז"ל - וואס דער גאנצער תורת הבעש"ט איז געבויעט דערויף - זעט מען נישט אז דאס זאל האבן געווארן אזוי אויפגעכאפט בשעתו ווי דער דרך החסידות? עס מוז דאך זיין אז **דא ליגט דא א גרויסער חידוש** וואס צוליב דעם האט זיך עס אזוי צושפרייט.

נו, דארף מען דאך פרובירן צו **פארענטפערן דעם קצות'נס קשיא...**

ב

# דער ענטפער ליגט אינעם שאלה זעלבסט

דער ענטפער שיינט למעשה ארויס **דווקא פון די שאלה אליין**.

דער 'קצות' האט אנגעקוקט דעם דרך פונעם בעש"ט און דער דרך האר"י הק' אלס **איין יסודות'דיגער מהלך אין עבודת ה'** - וואס דאס איז טאקע אמת - ממילא האט ער געוואלט פארשטיין פארוואס דער דרך פונעם אר"י ז"ל איז נישט געווארן א "נחלת הכלל", משא"כ **דער תורת הבעש"ט איז למעשה יא געווארן שטארק אויפגעכאפט**, און יא געצויגן צו זיך מאסן חסידים, כאטש וואס **לכאורה זענען דאך ביידע געקומען אויסלערנען די זעלבע זאך.**

און דער אמת איז אז טאקע דא ליגט דער נקודה; ס'איז זיכער אז דער דרך הבעש"ט איז **דירעקט געקניפט און געבינדן** צום דרך המקובלים פון די פריערדיגע דורות, און ער גייט טאקע אין זייערע פיסטריט - **זייער געבויטע מהלך** בנוגע די הייליגע סודות הקבלה - אבער פונדעסטוועגן איז דא **א גרויסער חידוש** וואס דער בעש"ט האט אויפגעטון **וואס איז נישט געווען פון פאר אים.**

**כדי צו פארשטיין** דעם חילוק פון די דרך המקובלים און דעם דרך הבעש"ט, דארף מען קודם פארשטיין **וואס איז בכלל דער דרך וואס די הייליגע מקובלים זענען אונז געקומען מגלה זיין?** מיר קענען אוודאי נישט פארשטיין די אלע טיפע יסודות הקבלה וואס זענען אסאך טיפער ווי אונזערע השגות, און עס דויערט יארן דאס אפצולערנען, אבער מיר וועלן **פרובירן דאס אנצוכאפן אביסל** אויפן שפיץ גאפל, לויט ווי עס ווערט געברענגט **אין די ספרים הקדושים.**

## פתיחה

אז אויב מען באגענוגט זיך מיט בלויז מיט אן אויבערפלעכליכע לימוד אין חסידישע ספרים, קוקנדיג **בלויז די גרינגע און לייכטע שטיקלעך**, איז דאס טאקע גוט פאר א צייטווייליגע חיזוק און התעוררות, אבער דאס גייט נישט אריין טיף אין דער נשמה פונעם איד, און עס בויט אים נישט אויס אז ער זאל קענען **טראכטן און לעבן ווי א חסידישער איד** - וואס דאס איז דאך דער ענין פון חסידות.

דערפאר האט דער רבי אנגעהויבן געבן א שיעור אין עניני חסידות יעדע וואך. דער ציל פון דעם שיעור איז נישט געווען צו "לערנען" חסידות, נאר צו **פארשטיין געבן און מקרב זיין אל השכל די קאמפליצירטע מושגים** וואס ווערן דערמאנט אין חסידישע ספרים, אזוי אז ווען מען לערנט שפעטער א חסידיש ספר, זאל מען **נישט בלייבן שטעקן ביי די שווערע שטיקלעך**, נאר מ'זאל פארשטיין פון וואס מען רעדט, און פארשטיין **וואס דאס האט מיט אונז אין אונזער עבודת ה'.**

פון די וועכנטליכע שיעורים האט מען אנגעהויבן ארויסגעבן **דעם ספר "מעיינא דמלכא"**, וועלכע איז ב"ה שטארק אויפגעכאפט געווארן ביי אידן איבער דער וועלט. עס איז שוין דערווייל ארויסגעקומען דער ערשטער באנד, וועלכע איז שוין געווארן איבערגעדרוקט עטליכע מאל, און מען ארבעט יעצט אויף די אנדערע בענדער.

מיט דער צייט האט מען איינגעזען אז עס זענען פארהאן אזעלכע - **ובפרט בחורי חמד** - פאר וועמען דער ספר איז אויך אביסעלע צו קאמפליצירט און טיף, האט מען באשלאסן נאכן זיך דורכרעדן מיטן רבי'ן זצ"ל ארויסצוגעבן א גליון וועלכע וועט קלאר און גרונטליך צונעמען די שיעורים, און טאקע **אויף א היימישער אידישער שפראך**, אזוי אז עס זאל זיין א **דבר השוה לכל נפש.**

די שיעורים זענען אנגעגאנגען ביז דער קאסובער רבי זצ"ל איז בעוונותינו הרבים שטארק נישט געזונט געווארן, און ליידער האט מען פון הימל געפירט אז דער רבי איז נסתלק געווארן נאך א קורצע תקופה. הוא הלך למנוחות, ואותנו עזב לאנחות.

אבער צדיקים במיתתם קרואים חיים, דער רבי זצ"ל האט אונז איבערגעלאזט אן אוצר פון שיעורים און ספרים, ווי אויך די תורות וואס ער האט געזאגט יעדן שבת קודש, און די דרשות וואס ער האט געגעבן בכל תפוצות ישראל.

**מכון שפה ברורה** ארבעט שוין אין פולן שוואונג איבער א יאר צייט ארויסצוגעבן דעם דאזיגן גליון אויף אידיש, אבער ליידער ביים סוף פון די הכנות, ווען מען האט שוין אט אט געהאלטן ביים ארויסגעבן דעם גליון לאור עולם, איז נשבה ארון אלקים.

פונדעסטוועגן האבן מיר זוכה געווען אז דער **קאסובער רבי האט געזען א גרויס חלק פון די גליונות** וואס וועלן ארויסקומען דורכאויס די קומענדיגע חדשים בעז"ה, און ער האט מעיין געווען דערין און געזאגט זיינע הערות דערויף, און ער האט **שטארק הנאה געהאט פון דער ארבעט.**

די גליונות זענען באזירט אויף די אויבנדערמאנטע וועכנטליכע שיעורים אין עניני חסידות, ווי אויך אויף אנדערע דברי תורה פונעם רבי'ן, ווייל דברי תורה זענען עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר. דערפאר האבן מיר צומאל גענומען פון אנדערע ערטער פונעם רבי'נס תורות וואו די ענינים ווערן מער פארברייטערט.

מיר האבן געלייגט א שטארקן דגוש אז **דער גליון זאל זיך ליינען געשמאק** און יעדע זאך זאל ווערן קלאר ערקלערט, אזוי אז **אפילו יונגע בחורים זאלן עס פארשטיין.** צו די זעלבע צייט האט מען אריינגעלייגט גרויסע כוחות אז אלעס זאל זיין ריכטיג און אויסגעהאלטן, און **אויף יעדן גליון זיצן גרויסע תלמידי חכמים**, עובדי ה' און בקיאים בספרי חסידות, און אזוי אויך קוקן עס אדורך עטליכע תלמידים פונעם קאסובער רבי'ן זצ"ל ובתוכם בנו ומ"מ קאסובער רבי שליט"א, וועלכע **גייען עס איבער עטליכע מאל** זיכער צו מאכן אז עס קומט ארויס א **דבר שלם ומתוקן.**

**מיר ווילן קלארשטעלן אז דער ציל פון דעם גליון איז "נישט" אנשטאט דעם לימוד פון ספרי חסידות. נאר פונקט פארקערט, דער ציל איז אז מען זאל זיך פשוט באקענען און ווערן דערנענטערט צו די מושגים און דער מהלך פון חסידישע ספרים, אזוי אז ווען מען עפנט א 'מאור ושמש' אדער א 'מאור עינים' זאל מען פארשטיין וואס דער הייליגער ספר זאגט.**

מיר בעטן א תפילה צום אויבערשטן אז מיר זאלן מצליח זיין איבערצוגעבן די דברי אלקים חיים אויפ'ן ריכטיגן אופן, און אז דער גליון זאל באלייכטן די אויגן פון צענדליגער טויזנטער אידן מיט דעם וואס זיי וועלן קענען עוסק זיין אין ספרי חסידות מיט די ריכטיגע הבנה און הסברה. **וחפץ ה' בידינו יצליח!**

## דער פראקטישער עולם העשיה איז נאר איינס פון אסאך וועלטן

מיט **אונזערע פליישיגע אויגן** זעען מיר א וועלט פון "טבע" - וואס פון אויבנאויף זעט אויס ווי עס פירט זיך אויטאמאטיש ח"ו, מען קומט, מען גייט און אלעס פירט זיך און גייט אן, ווי כאילו עס 'קומט אזוי'. אבער **מיר אידן מאמינים בני מאמינים, ווייסן און פארשטייען אז "יש מנהיג לבירה"** און גארנישט 'קומט אזוי' און גארנישט געשעט נישט פון זיך אליין, און עס איז ביי אונז א פשוט'ער זאך אז **דער וועלט איז באשאפן געווארן דורך איין איינציגער באשעפער**, און נאר ער פירט די וועלט מיט א פונקטליכע השגחה, און היות ער האט באשאפן די וועלט א 'יש' מ'אין' קען דאס נאר בלייבן שטיין דורכדעם וואס ער **גיבט אריין א חיות אין די גאנצע בריאה, יעדע איינציגסטע רגע** [עיין מילואים].

נאכמער, די וועלט אין וואס מיר לעבן איז בכלל נישט אזוי פלאטשיג ווי דאס וואס מיר זעען מיט די גשמיות'דיגע אויגן. **עס שטעלט זיך נישט אפ ביים בלויען הימל וואס מיר זעען**, נאר עס ווערט שוין מבואר אין חז"ל (חגיגה יב:) אז העכער אונזער וועלט זענען דא זיבן הימלען וואס דארט געפונען זיך מלאכים און שרפים, די מזבח של מעלה, די כסא הכבוד ועוד. דאס מיינט אז **עס זענען דא העכערע וועלטן, די "עולמות עליונים"**, וואס דארט זעט מען די אמת'דיגע כבוד פונעם אויבערשטן אסאך קלארער און ריינער ווי אויף אונזער גשמיות'דיגע וועלט - וואס ווערט אנגערופן דער **עולם העשיה**.

## די גילויים פונעם רבי שמעון בר יוחאי

**דער תנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי** האט זוכה געווען צו זיין פון די **יחידי סגולה** וועמען דער אויבערשטער האט געגעבן די געוואלדיגע כח **מגלה צו זיין אויף דער וועלט** די סודות הבריאה און די געטליכע חכמה וואס נעמט ארום אלע "עולמות עליונים", און ער האט אראפגעשריבן די סודות **אינעם זוהר הקדוש**.

"**גילה מדרש הנעלם**" - רבי שמעון בר יוחאי האט אויפגעלויכטן **א מורא'דיגע ליכטיגקייט** באקאנט צו מאכן די גרויסקייט פונעם הייליגן באשעפער אויף דער וועלט. ער האט מגלה געווען מורא'דיגע סודות **וואס קיינער האט נישט מגלה געווען** בעפאר אים - וואס טוט זיך אלץ אפ אין די עולמות העליונים, און **וויאזוי דער באשעפער פירט די וועלט**.

**דערפאר דארף מען דאס גוט אפלערנען, און טרעפן וואו דאס איז נוגע פאר אונז. און אפילו מ'איז טאקע נישט משיג די הויכע ענינים וואס זענען גאר טיף**

**"עשה שבעים תקונים בם תקן העליונים"** - זייענדיג פון די יחידי סגולה וואס האבן **געוואוסט וואס עס טוט זיך אלס אפ אין די הויכע עולמות**, האט רבי שמעון - **מיט זיין הימלישער כח** - אויך געמאכט מורא'דיגע תיקונים אין די עולמות העליונים, וואס דאס זענען מיר בכלל נישט מסוגל צו פארשטיין, און **מיר האבן נישט די מינדעסטע השגה דערין**. אבער אזויפיל ווייסן מיר יא, אז ער האט אויפגעטון גאר גרויסע זאכן און תיקונים אין די **באהאלטענע סודות הבריאה**.

דער זוהר הק' האט אויך מגלה געווען **נאך אסאך ענינים** וואס מיר האבן נישט אין דעם קיין מינדעסטע השגה. למשל; דער מהלך וויאזוי דער אויבערשטער פירט די וועלט, דער מהלך פון **השתלשלות העולמות**, די יחודים וואס אונזערע מצוות טוען אויף אויבן אין הימל ועוד, ועוד. דאס זענען אלעס זאכן וואס זענען אין כלל פון **"סתרי תורה"** - דאס הייסט זאכן וואס זענען באהאלטן און פארהוילן פון סתם מענטשן, און **אסאך העכער פון וואס א פשוט'ער מענטש קען פארשטיין**.

דער אויבערשטער האט אבער דאך געגעבן א כח פאר מענטשן וואס הייליגן זיך און ארבעטן אויס זייער גוף, און זיי האבן א ריינעם שכל, **יא צו קענען משיג זיין די העכערע השגות** אין דעם אויבערשטנ'ס הנהגה. זיי דערהייבן זיך העכער פונעם גשמיות'דיגער וועלט, און **זיי ווייסן אסאך מער וואס ס'טוט זיך אפ אויבן** אין די העכערע וועלטן, און אזוי אויך ווייסן זיי

## מילואים

**א**ז א פאכמאן מאכט א הערליכע שיינע לייכטער, ווען ער ענדיגט עס מאכן, וועט עס בלייבן פונקט אזויווי ער האט עס געמאכט. און דער סיבה איז, ווייל ער האט נישט באשאפן א זאך פונדאסניי, נאר ער האט סה"כ גענומען א שטיק גאלד אדער זילבער - וואס האט עקזיסטירט במציאות פון פריער - און דאס קונצליך אויסגעפארעמט. ממילא ווענדט זיך נישט די עקזיסטענץ פון די זאך אין אים. משא"כ ביי בריאת העולם האט דער אויבערשטער באשאפן די גאנצע וועלט פון גארנישט [דאס איז א זאך וואס איז בעצם העכער ווי אונזער השגה, וויבאלד מיר לעבן דאך שוין אין די באשאפענע וועלט וואס אין דעם איז נישט שייך אזא מין מציאות פון 'גארנישט']. און אויף וויפיל מ'פארשטייט אז די וועלט איז א 'נייע' בריאה וואס האט נישט געהאט קיין שום קיום און ס'איז בכלל נישט געווען אזא מציאות פון 'באשאפן' א וועלט, בעפאר ווען דער אויבערשטער האט עס באשאפן, פארשטייט מען אז אויך יעצט ווען עס שטייט שוין - האט עס בעצם נישט קיין שום כח זיך צו האלטן פון זיך אליין, וויבאלד דער גאנצע קיום, מציאות, און עקזיסטענץ, איז נאר דורכדעם וואס דער אויבערשטער האלט עס אן יעדע רגע.

די נקודה גאר וויכטיג און זייער טיף, און עס ווערט אויסגעשמועסט באריכות אינעם ספר 'שער היחוד והאמונה' פונעם הייליגן בעל התניא זי"ע, און מיר וועלן עס נאך מסביר זיין באריכות אין די קומענדיגע שיעורים בעז"ה.

וואס מיר אידן טוען אויף אין די עולמות העליונים **מיט אונזער עבודת ה' דא אונטן**, אא"וו.

## די גילויים פונעם הייליגן אריז"ל

מיט בערך פינף הונדערט יאר צוריק איז געקומען **דער הייליגער אר"י ז"ל** - וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן מורא'דיג שטארקע און אומבאגרעניצטע השגות אין די **סודות הקבלה**, און ער האט ווייטער ממשיך געווען מגלה צו זיין מורא'דיגע "סתרי תורה", געבויעט אויפן הייליגן זוהר הק'.

דער הייליגער אר"י ז"ל האט אוועקגעשטעלט **קלארע הסברים** וויאזוי אלע וועלטן זענען אויסגעשטעלט **מיט א סדר פון אנפאנג ביזן סוף**. דער הייליגער אר"י הק' האט אויך מגלה געווען ספעציעלע כוונות און ייחודים, דער ענין פון **פרצופים העליונים און פארשידענע צירופים פון די שמות הקדושים** פון הייליגן באשעפער. די ספעציעלע כוונות זענען געמאכט בלויז פאר **אמת'ע בעלי מדריגה**, וואס מיט דעם קענען זיי אויפטון גאר אסאך טיפע ענינים און תיקונים און די עולמות עליונים - דאס אלעס האט ער מוסיף געווען **אויף די גילויים פון רבי שמעון בר יוחאי**.

די אלע ענינים וואס ווערן מבואר אין זוהר הקדוש, און אזוי אויך **אלע ענינים וואס ווערן אויסגעשמועסט** אין כתבי האר"י ז"ל, צונעמען **ממש יעדע מצוה** וואס א איד טוט, און זיי זענען פונקטליך מסביר וואס דאס טוט אויף אין אלע עולמות העליונים.

## דער המון עם טרעפט זיך 'אויסגעשלאסן' פון תורת הנסתר

כאטש די מקובלים - תלמידי האר"י ז"ל - האבן מגלה געווען **די געוואלדיגע יחודים און מורא'דיגע תיקונים** וואס טוען זיך אפ אין די העכערע וועלטן ווען א איד טוט א מצוה, איז דאס געבליבן **פארמאכט פאר רוב רובים פון כלל ישראל**, וועלכע האבן נישט די מעגליכקייט צו משיג זיין די טיפע ענינים און זענען נישט אזעלכע גרויסע בעלי השגה.

די סודות פון קבלה זענען **אסאך העכער פון אונזער השגה** - גאר גאר הויכע ענינים וואס מיר קענען נישט זען מיט אונזערע אויגן. מיר גלייבן און ווייסן אז דער אויבערשטער האט מגלה געווען פאר די הייליגע מקובלים **די סתרי תורה**, און זיי זענען אונז געקומען דערציילן וואס אונזער עבודה טוט אלס אויף, אבער נאכאלץ איז דאס **גאר ווייט פון אונזער השגה**, און מיר קענען נישט אנהייבן משיג צו זיין וואס דאס האט מיט אונז פשוט'ע בשר ודם'ניקעס אויף דער וועלט.

דערפאר איז געווארן א מציאות, אז **די פשוט'ע עם וואס האבן נישט אזא ברייטן השגה** האבן זיך אויטאמאטיש געזען "אינדרויסן פון בילד"... וויבאלד דאס זענען באמת גאר הויכע ענינים וואס טוען אויף **תיקונים און יחודים** אין א פלאץ וואס דער המון עם איז ווייט פון דארט, זייענדיג דא אונטן אינעם גשמיות'דיגן וועלט.

**פארשטייט זיך אז אין אלע דורות** זענען געווען מקובלים און געהויבענע אידן בעלי השגה וואס האבן **פארשטאנען צו די "קליינע אותיות"**, און זיי זענען צוגעגאנגען צו א מצוה נאר נאכ'ן וויסן און דערגיין וואס דער מצוה איז אלס מייחד אין די ספירות העליונות, אבער פאר'ן פשוט'ן המון עם איז דאס געווען ווי **מיסטעריעזע סודות** וואס מ'הייבט בכלל נישט אן צו פארשטיין.

> ***ביז'ן בעל שם טוב זענען אויך געווען חסידים ופרושים, מקובלים און עובדי ה', צדיקים נסתרים און הייליגע אידן, איז וואס האט דער בעל שם הק' מחדש געווען?***

ג

# דער בעש"ט איז מגלה די עבודה פון יעדן איד

**מיט איבער דריי הונדערט יאר צוריק**, איז אראפגעקומען אויף די וועלט דער **אור שבעת הימים דער הייליגער בעל שם טוב זי"ע**, און מגלה געווען א מורא'דיגע חידוש: יא! די אלע הויכע ענינים וואס רשב"י און דער הייליגער אר"י ז"ל האבן מחדש געווען, האבן א **דירעקטן שייכות מיט יעדן איינעם!**

מיין נישט, פשוט'ער איד, אז דו האסט נישט קיין דריסת הרגל אין סודות הקבלה, נאר **יעדער איינציגער איד האט א חלק אין תורת הקבלה!** יעדער איינציגער איד האט א חלק אין די "עשר ספירות" און אין "תיקוני העולמות", וויל די אלע יחודים און תיקונים דארפן געטון ווערן **נישט נאר אין די עולמות העליונים** וואס מיר זעען נישט און פארשטייען נישט, נאר טאקע דא אונטן דורך אונז אליינס, **אויף דער גשמיות'דיגער וועלט דא!**

## ווי אזוי קען דאס זיין?

אט קומט טאקע דער שפיץ חידוש פונעם הייליגן בעש"ט הק'!

עס שטייט אין פסוק (בראשית ב, ז) **'ויפח באפיו נשמת חיים'** - דער אויבערשטער האט אריינגעבלאזן אין דעם מענטש א 'נשמה' פון לעבן. דער הייליגער בעל התניא (פרק ב) ברענגט פונעם זוהר הק', אז **'מאן**

**דנפח מדיליה נפח'** - דאס מיינט אז דער אויבערשטער האט **כביכול ארייגעבלאזן אינעם מענטש א חלק פון זיך אליינס**, און יעדער איד איז א חלק אלוק ממעל ממש - **א שטיק אויבערשטער!** ממילא קומט אויס אז יעדער איד פארמאגט אינעווייניג אין זיך **די הנהגה עליונה פונעם באשעפער אליין!**

דער הייליגער תולדות (פרשת לך לך מצות מילה, ועוד) איז מסביר איבער דעם ענין באריכות, **אז א מענטש איז טאקע צוזאמגעשטעלט פון "עשר ספירות"**, און וויאזוי ער ווערט געפירט דורך די כח ההשפעה פון די הייליגע ספירות וואס פארעמען אויס זיין גאנצע מהלך - פון ווען עס בליצט אים אריין אין מחשבה א 'געדאנק', ביז צום לעצטן שטאפל פון **דאס אויספירן למעשה.**

**יעצט פארשטייען מיר שוין זייער גוט**, אז וויבאלד אין יעדער איד איז דא א חלק אלוק ממעל - די שכינה הקדושה איז אין אים, און ער איז בעצם א צוזאמשטעל פון די "**עשר ספירות הקדושות**", ממילא טוט דער איד אויף מיט זיין עבודה מורא'דיגע תיקונים און יחודים דא אויף דער וועלט, **אין זיך אליינס!**

דהיינו, אז יעדער איד איז אן "עולם קטן", א גאנצער וועלט פאר זיך, וואס אויב אזוי קומט אויס אז דאס וואס די מקובלים האבן מתקן געווען און מייחד געווען דארט אויבן אין די "עולמות העליונים", טאקע דאס איז וואס יעדער איד קען מתקן זיין - אין זיך אליינס - אין זיין אייגענער וועלט.

## ר' איד, מען מיינט טאקע 'דיר'!

אט דאס איז וואס דער **בעש"ט איז געקומען אויסלערנען פאר'ן המון עם**. "אין אידיש גערעדט"... אז ווען מ'רעדט למשל פון מידת ה"כתר", **זאלסטו וויסן, טייערער איד**, אז כאטש דאס איז גאר א הויכע בחינה אין די עולמות העליונים, האט דאס אבער **א טיפע משמעות אויך אין דיין אייגענער קליינער וועלט** [עיין במדור 'תוספות נופך' אות א'], און די העכערע משמעות האט א **דירעקטן שייכות** מיט דיין עבודה דא אונטן!

**צום ביישפיל**, ווען א איד ארבעט **אויף די מידה פון "כתר"**, וואס דער אפטייטש דערפון גייען מיר אי"ה מסביר זיין אין די קומענדיגע גליונות, איז חוץ פון דעם וואס עס טוט זיך דעמאלטס אפ אויבן אין הימל געוואלדיגע זאכן, טוט ער אבער **קודם אויסארבעטן אין זיין "עולם קטן" זיין חלק ה"כתר"** - און ער איז מתקן דעם מידת הכתר וואס ליגט ביי אים אליין! דאס גייט **געקניפט און געבינדן** מיט די תיקונים אין די עולמות העליונים.

די זעלבע זאך איז מיט **אלע אנדערע הויכע ספירות** מיט וועלכע דער אויבערשטער פירט אלע עולמות. עס איז שטארק נוגע פאר יעדן איד צו וויסן, אז **פונקט די זעלבע זאכן** וואס גייען פאָר אויבן אין הימל - **גייט אויך פאָר דא אונטן**, דורך די עבודה פונעם מענטש אין די עולמות התחתונים, ווייל אלע מידות און ספירות האבן א משמעות אין די עבודה פון דער מענטש דא אויף דער וועלט, **און דאס אלעס קען נאר געטון ווערן דורך דעם מענטש אליין.**

> **זאלסטו וויסן, טייערער איד, אז כאטש דאס איז גאר א הויכע בחינה אין די עולמות העליונים, האט דאס אבער א טיפע משמעות אויך אין דיין אייגענער קליינער וועלט, און מיט דיין עבודה דא אונטן!**

## די יחודים - זענען אין דיר אליינס

דער הייליגער בעש"ט האט מגלה געווען אז ווען א איד טוט מצוות און מעשים טובים אויף דער וועלט, טוט ער אויף ביי זיך אליין, פונקט אזוי ווי די הויכע זאכן וואס ווערן אויפגעטון אין די עולמות העליונים ווען מען טוט מצוות ומעשים טובים, ווייל יעדער איד - ווי פשוט און נישטיג ער זאל זיין - איז די זאך אליין!

נאך א געוואלדיגער חידוש האט דער בעש"ט הק' מגלה געווען, אז צוזאמען מיט די תיקונים וואס דער מענטש טוט דא אונטן, מיט זיין פשוט'ע שכל, ווערט נתעורר אין הימל די זעלבע תיקונים און יחודים אין די עולמות העליונים וואס דער זוהר הק' און דער אר"י ז"ל האבן מגלה געווען!

דערפאר זעט מען אז די חסידישע ספרים לייגן דעם עיקר דגוש אויף די עבודה פון א איד אין זיך אליינס, און זענען ווייניגער פארנומען צו מסביר זיין ווי אזוי די ספירות שפילן זיך אפ אין די עולמות עליונים, אנדערש ווי די ספרי קבלה; ווייל די עבודה פון די ייחודים און תיקונים קען יעדער פשוט'ער איד מתקן זיין אויף דעם עולם השפל!

די עבודה פון א איד איז צו מתקן זיין די גאר גרויסע תיקונים אין זיך - וואס אין אים געפינט זיך כביכול דער אויבערשטער אליין, און אלע עשר ספירות מיט וואס דער רבש"ע פירט די וועלט. און דאס איז פאר אלע מענטשן - סיי די קליינע בעלי השגות און סיי די גרויסע בעלי השגות - יעדער איינער טוט אויף געוואלדיגע זאכן אין זיין הייליגע נשמה, און ממילא טוט דאס אויך אויף אין די עולמות העליונים.

מיט דעם האט דער בעש"ט אויפגעמאכט א טיר און אנטפלעקט, אז אפילו די פשוט'ע אידן זאלן אויך וויסן אז זיי האבן א שייכות מיט די עשר ספירות הקדושות און מיט אלע יחודים, און טאקע דא אונטן - אין די גשמיות'דיגע גוף - טוען זיי די אלע תיקונים מיט זייערע מעשים. ווייל א איד איז איינס מיט די הנהגה עליונה, און ס'איז בכלל נישט קיין צוויי אפגעטיילטע זאכן! וואס דו טוסט דא - געשעט אויך אויבן! [עיין במדור 'תוספות נופך' אות ב']

דאס הייסט, אז אין דיר אליינס זעלבסט, טוסטו אויף די אלע הויכע זאכן, ווייל דורך יעדע מצוה וואס א איד טוט, און יעדע ריינע מחשבה וואס א איד טראכט, באווייזט ער מורא'דיגע זאכן אין זיין נפש האלוקית - און דערמיט ווערט נתגלה די מלכות פונעם אויבערשטן אויף דער וועלט! [עיין במדור 'תוספות נופך' אות ג']

**לאמיר ארויסנעמען דערפון א דרך אין עבודת ה', און פארשטיין וואס עס ווערט גערבערנגט אין ספרי חסידות, און דערמיט לעבן ווי "א חסידישער איד".**

## לאמיר לעבן ווי חסידישע אידן

נאכדעם וואס מיר פארשטייען אביסל דעם חידוש פון דעם בעל שם הק', דארפן מיר געדענקען א וויכטיגע נקודה!

עס איז פשוט אז עס איז נישט מעגליך במציאות צו מסביר זיין 'אלעס' וואס דער בעש"ט הק' האט מגלה און מחדש געווען, וואס אפילו נאך לאנגע יארן פון הארעוואניע איז נישט יעדער זוכה דאס משיג צו זיין. דאס וואס מיר האבן יעצט אויסגעשמועסט, איז א גאר שטארקער און וויכטיגער עיקר און יסוד וואס דער בעש"ט האט מחדש געווען, און רובא דרובא ספרי חסידות פון תלמידי בעש"ט זענען געבויעט דערויף, און דאס איז שטארק נוגע צו אונזער טאג טעגליכער עבודה.

**דער ציל פון דעם גליון איז טאקע נישט זיך צו פארטיפן אין די סודות הקבלה, נאר צו פארשטיין דעם תורת הבעל שם טוב. אין די קומענדיגע גליונות וועלן מיר בעז"ה מסביר זיין און ברייטער אויסשמועסן יעדע מידה באזונדער, ווי אזוי מיר פשוט'ע אידן - וואס זענען נישט קיין מקובלים - קענען דאך ארויסנעמען דערפון א דרך אין עבודת ה', און קענען אנהייבן פארשטיין וואס עס ווערט גערבערנגט אין ספרי חסידות, און דערמיט לעבן ווי "א חסידישער איד".**

# תוספת נופך

א] אט זענען די מורא'דיגע ווערטער פונעם הייליגן פיאסעצנער זי"ע בספרו "מבוא השערים" (פרק ד):

"לֹא מָשָׁל וּמְלִיצָה הֵם עִנְיָנִים הַגְּבוֹהִים, רַק בֶּאֱמֶת כֵּן הֵם. וְלֹא בַּמָּרוֹם בִּלְבַד הֵם, רַק גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה אַף בָּאִישׁ נִמְצָאִים. עַד שֶׁכְּשֶׁלּוֹמְדִים סִפְרֵי קַבָּלָה מִצַּדִּיקֵי הַחֲסִידִים בִּפְרַט סִפְרֵי הַמַּגִּיד הַגָּדוֹל וְסִפְרֵי תַּלְמִידוֹ זְקֵנִי הַקָּדוֹשׁ הַמַּגִּיד מִקָּאזְנִיץ זצוקלל"ה רוֹאִים הַרְבֵּה פְּעָמִים שֶׁמְּדַבֵּר בְּקָדְשׁוֹ בְּעִנְיָנִים גְּבוֹהִים שֶׁבְּקַבָּלָה - שֶׁבַּמָּרוֹם וְשֶׁבָּאָדָם גַּם יַחַד - לֹא בְּדֶרֶךְ מָשָׁל. אַף אֵינוֹ אוֹמֵר שֶׁכְּעֵין זֶה אִיתָא בָּאָדָם, רַק הַכֹּל בְּמַאֲמַר אֶחָד מְדַבְּרִים בְּקָדְשָׁם, כְּאִילּוּ הָאָדָם בַּמָּרוֹם - וְכָל עוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים בָּאָדָם!"

ב] דער תשובה פון הרה"ק ר' הערשעלע זידיטשויבער זי"ע צום בעל 'קצות החושן' זי"ע, איבער וואס דער בעש"ט האט מחדש געווען מער ווי די בעלי מקובלים (כמובא בספר בעל שם טוב עה"ת, הקדמה אות נז בשם ספר 'דברי צדיקים'):

כִּי הִנֵּה רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי וַחֲבֵרָיו הָיוּ הָרִאשׁוֹנִים אֲשֶׁר פִּרְסְמוּ וְגִילּוּ בְּסֵפֶר הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ וּבִפְרָט בִּשְׁנֵי הָאִדְרוֹת קְדוֹשׁוֹת מְעַט מִסּוֹד ה' לִירֵאָיו וְהֶעֱלִימוּ דִּבְרֵיהֶם בִּמְאֹד מְאֹד, עַד אֲשֶׁר נִתְגַּלָּה עוֹלַם הַתִּיקּוּן דּוֹר רַבֵּנוּ הָאֲרִ"י ז"ל, הוּא בָּא לְפַרְסֵם וּלְסַפֵּר אֶת אֲשֶׁר הֶעֱלִימוּ רַשְׁבִּ"י וַחֲבֵרָיו ז"ל. אַךְ כָּל דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל הָאֲרִ"י ז"ל הֵם בְּעִנְיָנֵי הָאוֹרוֹת הָעֶלְיוֹנִים וּבְעוֹלָמוֹת הָעֶלְיוֹנִים וְלָאו כָּל מוֹחָא סָבִיל דָּא, כִּי כָל דִּבְרֵיהֶם הֵם בַּשָּׁמַיִם לְמַעְלָה לְמָעְלָה וּבְרוּחָנִיּוּת הָעִנְיָנִים וְלֹא רַבִּים יֶחְכָּמוּ.

עַד אֲשֶׁר קָם אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ רַבָּן שֶׁל כָּל בְּנֵי הַגּוֹלָה הַקָּדוֹשׁ אִישׁ אֱלֹקִים הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הוּא גִּילָּה אֶת הָאֱלֹקוּת גַּם בָּעוֹלָם הַשָּׁפָל הַתַּחְתּוֹן הַזֶּה בְּכָל פְּרַט וּפְרָט, וּבִפְרָט בָּאָדָם הַתַּחְתּוֹן, שֶׁאֵין בּוֹ שׁוּם דָּבָר - לֹא שׁוּם אֵבֶר וְלֹא שׁוּם תְּנוּעָה - מַה שֶּׁלֹּא יִהְיֶה לְבוּשׁ לַכֹּחַ אֱלוֹקִי הַטָּמִיר וְנֶעֱלָם וְגָנוּז בּוֹ, וְכֵן בְּכָל הַדְּבָרִים הַנִּמְצָאִים בָּעוֹלָם, וְלֵית אֲתַר פָּנוּי מִינֵּיהּ (תיקו"ז תיקון ע). וְגָדוֹל כֹּחַ הַצַּדִּיקִים שֶׁמְּדַמִּין צוּרָה לְיוֹצְרָהּ כִּבְיָכוֹל, שֶׁאֵין שׁוּם תְּנוּעָה וְדִיבּוּר מַה שֶּׁאֵין בּוֹ יִחוּדִים נוֹרָאִים וְנִפְלָאִים, וְכָל אָדָם נִבְרָא בָּאָרֶץ הַתַּחְתּוֹן לִגְדוֹלוֹת וְנִפְלָאוֹת, לַעֲשׂוֹת בְּתַחְתּוֹן וְלִרְמֹז בָּעֶלְיוֹן.

וְהוֹרָה לָנוּ אֵיךְ לְקַשֵּׁר אֶת עַצְמֵנוּ בִּדְבֵקוּת הַשֵּׁי"ת בָּרוּךְ הוּא בְּכָל פְּעוּלוֹת, וְהָאֵיךְ יוּכַל כָּל אֶחָד לְתַקֵּן הָעוֹלָם בְּדֶרֶךְ הָעֲבוֹדָה בַּעֲבוֹדַת הַיִּחוּדִים, וַעֲבוֹדַת תִּיקּוּן הַמִּידוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת, וּבִיטּוּל הַתַּאֲווֹת וּמִידּוֹת רָעוֹת, וְהַמְתָּקַת הַדִּינִים, וּלְיַחֵד יִחוּדִים אֲפִילּוּ בְּשִׂיחוֹת בְּטֵלוֹת, עַל דֶּרֶךְ שֶׁדָּרְשׁוּ (סוכה כא:) 'וְעָלֵהוּ לֹא יִבּוֹל' (תהלים א, ג) 'זֶהוּ שִׂיחַת חוּלִּין שֶׁל תַּלְמִידֵי חֲכָמִים'. וּבָזֶה הֵבִיא לָנוּ אֶת הַמֶּלֶךְ לְעֵינֵינוּ, שֶׁהוּא הַמֶּלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים הַקָּבָּ"ה.

אזוי אויך שטייט פונעם הייליגן בני יששכר זי"ע ווען ער רעדט וועגן חכמת הקבלה, אז א מענטש זאל זיך מתבונן אין די העכערע השגות, און נעמען דערפון אן עבודה פאר זיך, וזלש"ק:

"זֹאת עִקַּר הַחָכְמָה לַעֲבוֹדָה, לְהִתְבּוֹנֵן עִנְיָן הַנֶּאֱמָר בְּרוּחָנִיּוּת לְהַשִּׂיג מְצִיאוּת בָּזֶה גַּם בָּעוֹלָם הַזֶּה, וּבִפְרָט בָּאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי, כְּגוֹן שֶׁיֵּשׁ בְּרוּחָנִיּוּת חֶסֶד גְּבוּרָה - כְּנֶגֶד

## תוספת נופך

זֶה יֵשׁ מְצִיאוּת הַמִּדּוֹת בָּאָדָם יִרְאָה וְאַהֲבָה, וְכֵן בְּכָל עִנְיָנִים תִּמְצָא טוּב טַעַם וָדַעַת". (הוספות מהרצ"א על ספר סור מרע ועשה טוב להרה"ק מזידיטשויב זי"ע, אות צ"ו).

עס איז אויך מערקווירדיג וואס דער הייליגער קדושת לוי ברענגט פונעם גרויסן מגיד פון מעזריטש זי"ע, איבער דעם ענין אז יעדער איד איז שייך צום תורת הנסתר, וזלש"ק: "פַּעַם אַחַת הָיָה הָרַב [מרן הבעש"ט] מוֹכִיחַ לְאֶחָד עַל מָה שֶׁדָּרַשׁ קַבָּלָה בָּרַבִּים, וְהֵשִׁיב לוֹ הָאִישׁ "מִפְּנֵי מָה מַר דּוֹרֵשׁ ג"כ קַבָּלָה בָּרַבִּים". וְהֵשִׁיב לוֹ הָרַב [הבעש"ט] "אֲנִי לוֹמֵד אֶת הָעוֹלָם שֶׁיָּבִינוּ שבעוה"ז וּבָאָדָם ג"כ [שַׁיָּכִים] כָּל הַדְּבָרִים שֶׁנֶּאֶמְרוּ בְּסֵפֶר עֵץ חַיִּים וְלֹא שֶׁאֲנִי נוֹתֵן לְהָבִין אֶת הָרוּחָנִי כְּמוֹ שֶׁכָּתַב בְּעֵץ חַיִּים." (ספר אור האמת, מתורתיו ושיחותיו הק' של מרן המגיד הגדול זי"ע שנרשמו ע"י מרן בעל 'קדושת לוי' זי"ע, דף ל"ו ע"ב).

ג] דער גאנצער ענין ווערט גאר קלאר ארויסגעברענגט דורך הרה"ק רבי אהרן הלוי מסטראשעלע זי"ע - מגדולי תלמידי הרה"ק בעל התניא זי"ע - אין זיין ספר "שער היחוד והאמונה" (פתח ומבוא שערים):

וְהִנֵּה הַגַּם שֶׁהַמְקֻבָּלִים ז"ל גִּילּוּ הַחָכְמָה הַזֹּאת וְסִתְרֵי פִּלְאוֹתָיו כָּל אֶחָד לְפוּם אוּפַנּוֹ, וְעִיקַּר הַגִּילּוּי הוּא בְּזוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וּבְכִתְבֵי הָאֲרִ"י ז"ל אֲשֶׁר גִּילָּה תַּעֲלוּמוֹת חָכְמָה וּפָתַח שְׁעָרִים וְגִילָּה מִסְתְּרֵי הַזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, וְהוּא ז"ל הִפְלִיא לַעֲשׂוֹת בְּגִילּוּי הַחָכְמָה הַזֹּאת מִכָּל אֲשֶׁר הָיוּ לְפָנָיו, וְאַף עַל פִּי כֵן הִסְתִּירוּ זֶה בְּכַמָּה הַסְתָּרוֹת כְּמוֹ חִידוֹת וּמְשָׁלִים וַחֲתוּמִים בְּאֶלֶף עִזְקָאן [-מיט טויזנט קייטן] וְאֵין מֵבִין דִּבְרֵיהֶם. אֲשֶׁר עַל כֵּן רַבִּים מֵהַמְּקוּבָּלִים הָאַחֲרוֹנִים תָּפְסוּ הַדְּבָרִים כִּמְעַט כִּפְשׁוּטָן בְּהַגְשָׁמָה רַבָּה, ה' יְכַפֵּר בַּעֲדָם.

עַד שֶׁהֵאִיר ה' אֶת אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הֲלֹא הוּא עִיר וְקַדִּישׁ מִן שְׁמַיָּא נָחִית, הַקָּדוֹשׁ הָאֱלֹקִי מוֹרֵנוּ הָרַב רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב ז"ל, וְהוּא הִתְחִיל לְבָאֵר דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ אֲשֶׁר הוֹפִיעַ עָלָיו מִן הַשָּׁמַיִם, אֲשֶׁר נִגְלָה אֵלָיו אֵלִיָּהוּ זָכוּר לַטּוֹב וְגִילָּה תַּעֲלוּמוֹת הַחָכְמָה הַזֹּאת. וְאִזֵּן וְחִקֵּר וְתִקֵּן מְשָׁלִים הַרְבֵּה מִבְּחִינַת הִתְקַשְּׁרוּת הַנֶּפֶשׁ עִם הַגּוּף, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איוב יט כו) וּמִבְּשָׂרִי אֶחֱזֶה אֱלוֹ-הַּ. וְהוּא הֵחֵל לְהוֹשִׁיעַ אֶת יִשְׂרָאֵל, וְעָשָׂה אָזְנַיִם לַקֻּפָּה לְקָרֵב אֶל הַשֵּׂכֶל בִּמְצִיאוּת טַעַם וָדַעַת שֶׁיִּהְיֶה בּוֹ קְצָת תְּפִיסָה וַהֲבָנָה, בִּכְדֵי שֶׁיּוּכַל הָעוֹבֵד לַעֲבוֹד עֲבוֹדָתוֹ תַּמָּה עַל פִּי בֵּאוּר דְּבָרִים הַקְּדוֹשִׁים הָאֵלוּ, וְלִהְיוֹת נִתְפָּס יִחוּדוֹ יִתְבָּרַךְ בְּלֵב כָּל אֶחָד וְאֶחָד כָּל חַד וְחַד לְפוּם שִׁיעוּרָא דִּילֵיהּ, וּלְקַשֵּׁר נַפְשׁוֹ בְּיִחוּדוֹ יִתְבָּרַךְ, לִהְיוֹת מְטַפֵּס וְעוֹלֶה מְטַפֵּס וְיוֹרֵד בְּהִתְקַשְּׁרוּת הָעוֹלָמוֹת אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, כַּאֲשֶׁר הָיוּ נִשְׁמָעִים דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים לְתַלְמִידָיו הַקְּדוֹשִׁים גְּאוֹנֵי הַזְּמַן קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן נִשְׁמָתָם עֵדֶן, אֲשֶׁר קִבְּלוּ אוֹר תּוֹרָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה, וְהֵם הִשְׁפִּיעוּ גַּם כֵּן בְּרוּחַ קָדְשָׁם לְתַלְמִידֵיהֶם בְּרוּחַ שֵׂכֶל וּבִינָה, לְבָאֵר דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים הַמְּאִירִים כַּסַּפִּירִים.

## חסידיש גערעדט...

תמצית החידושים ומושגים בחסידות שלמדנו במאמר זו

- **די ספרי חסידות זענען געמאכט געווארן פאר יעדן, קטן כגדול, און יעדער דארף פרובירן צו לערנען וואס דער "דרך החסידות" איז נוגע פאר אים.**
- דער תורת החסידות איז ספעציעל געצילט פאר אונז פשוט'ע מענטשן, אין דעם דור פון עקבתא דמשיחא.
- **די גדולי המקובלים ביז'ן בעל שם טוב זענען געקומען מגלה זיין די הויכע ענינים און תיקונים וואס טוען זיך אפ אין די עולמות עליונים.**
- דער חידוש פונעם בעש"ט איז: א איד איז א שטיק אלוקות, און מיט זיינע מעשים איז ער מתקן זיין חלק האלוקות, דא אונטן אויף דער וועלט.
- **וויבאלד די מענטש איז א חלק אלוק ממעל, ממילא ליגט אויף אים מתקן צו זיין זיינע עשר ספירות דורך זיין עבודה דא אונטן.**
- כאטש דער תורת הקבלה איז פארבליבן פאר יחידי סגולה, קען יעדער איד זיך פארטיפן אין תורת החסידות און פארשטיין ווי אזוי צו דינען דעם אויבערשטן אויף דער וועלט לויט זיין מדריגה.

ארויסגעגעבן דורך
**מכון שפ"ה ברורה**
פאר הערות והארות, אדער צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל
ביטע שיקט אן אימעיל צו:
beheichala@gmail.com